בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

## פרשת ויגש

שנה ד' - גליון ק"מ

עש"ק ד' טבת תשע"ב

הדלקת הנרות
4:22
זמן מוצאי שבת
5:49

סוף זמן קרי"ש 9:03

## געשפילט מיט א פידל!

**סרח בת אשר שפילט אויף א פידל....** ♫ די וואך האט מיין רבי זייער שיין פארציילט ווי אזוי סרח בת אשר האט געשפילט אויף א פידל פארן אלטן זיידן יעקב. און איהם אויך דערציילט אז זיין באליבטער זוהן יוסף לעבט נאך און ער איז דער קעניג איבער גאנץ לאנד מצרים.

**די וואך** דאנערשטאג איז געזינגען געווארן דורך די קינדער צוזאמען דער ניגון פון די וואך "סרח בת אשר" שפילט אויף א פידל!.... מיר האבן אויך ביי דעם מאמענט געהאט די געלעגנהייט אז דער חשוב'ער אינגערמאן ר' יואל וועבערמאן נ"י מיט זיין עכטע פידל'ע איז געקומען און ער האט מהנה געוועו אלע קינדער. ווען ער האט אזוי הערליך שיין געזינגען און געשפילט דעם ניגון מיט זיין פידל'ע. עס איז געוועו גאר אינטערעסאנט צו זעהן און הערן.

מיר האבן דאס באוואונדערט ווי מען ריקט ארויף און אראפ ווי הערליך און זיס דער פידל שפילט אזעלכע הארציגע סטרונעס און דאס זינגט עכט ווי א "פידל". א ניגון נאך א ניגון, וויפיל מיר האבן נאר געבעטן, האט ער געזינגען געגרן. השי"ת זאל איהם העלפן בזכות תשב"ר ער זאל שטענדיג האבן פון אלעם גיטן וימלא ה' כל משאלות לבו לטובה כל הימים.

## די געהויבענע חנוכה טעג ביי אונזער חדר

**זונטאג!** האט מען אנגעצינדן די מנורה ביי מיטאג אין לאנטש רום, ווי מיר האבן דערנאך לעבעדיג געזינגען און געטאנצן, שפעטער האט מען אויסגעטיילט פאר אלע קינדער פיינע גוטע (פאנקען) דאנאט'ס לכבוד חנוכה.

**מאנטאג!** איז געווען גאר ספעציעל. צום ערשט אינדערפרי ביי פרישטאג האט דער מנהל אנגעצינדן די מנורה אין לאנטש רום ווען אלע קינדער ארום זינגען זייער שיינע ניגונים. דערנאך אינמיטן טאג איז געווען אויפגעשטעלט א "**חנוכה בעקעריי**" פאר די קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן תלמידים. מען האט זיך געשטעלט צו די טישן פון ביידע זייטן ווען אלע קינדער באקומען א שטיקל טייג, מען מאכט דאס גלאט דערנאך נעמט מען די "**דריידל**" שעיפ אדער "**מנורה**" שעיפ, און מען דריקט אריין א קוקי, מען לייגט דאס אויפן טאץ ווי עס איז שפעטער געפירט געווארן צו די אויוועגעס פון "**מנוחה ושמחה**" ווי עס האט זיך אפגעבאקן שיינע פיינע געשמאקע "**חנוכה קיכעלעך**", דער טאג איז נאך נישט פארטיג! עס שטייט דא די "**פאפקארן מאשין**" אויפן טיש ווי מיר אלע זעהן מען גיסט אריין די "סיד'ס" מיט אויל מען לייגט צו זאלץ און מיר זעהן און הערן ווי עס פאפ'ט און קומט ארויס פיינע פרישע פאפקארן לכבוד חנוכה.

**דינסטאג!** איז געווען די גליקליכע טאג ווי מען האט געמאכט די חנוכה סעודה'לע צוזאמען מיט א ראש חודש מסיבה ביי אונז אין חדר. אלע קינדער האבן געברענגט א גוטע זאך צו די סעודה, מען זעצט זיך שיין ארום די טישן נאך לאנטש מען זינגט שיין אינאיינעם די קינדער מיט די רבי'ס מען טיילט אויס אלע פיינע זאכן. אויך די פאפקארן מיט די קוקי'ס וואס מיר האבן געמאכט נעכטן מאנטאג האט מען אריינגעלייגט אין די ספעציעלע חנוכה דריידל באקסעס שיין געפאקט. ביי מיטאג האט מען אויך אנגעצינדן די מנורה, ווי עס איז אוועקגעשטעלט געווארן אינדערמיט פון לאנטש רום און אלע קינדער האבן שפעטער ארום געטאנצן. א יעדע כיתה באזונדער זייער לעבעדיג לכבוד חנוכה און לכבוד ראש חודש.

**מיטוואך-זאת חנוכה!** מיט א שטארקע דערהויבנקייט האט מען זיך געגרייט אנצוצינדן די גאנצע מנורה אלע אכט ליכטעלעך מיר זענען אלע ארויס אין די ברייטע האלל די קינדערגארטן און פרי קינדערגארטן קודם. מען האט געלייגט די מנורה אין די הויך אז אלע קינדער זאלן קענען שיין מיט האלטן, אלע קינדער האבן זיך אראפגעזעצט שיין ארום ביי די וואנט און מען האט אנגעצינדן די גאנצע מנורה און אלע רבי'ס מיט די קינדער זענען ארויס מיט פריילעכע טענץ מיר האבן געזונגען, געשפרינגען און געטאנצן אלע קינדער צוזאמען די שמחה איז געווען געוואלדיג! געוואלדיג! אלע שיינע חנוכה ניגונים, אויך פאר די נוירסערי האט מען ספעציעל אנגעצינדן א גרויסע מנורה ספעציעל צוזאם געשטעלט פון קליקס מען האט דאס געשטעלט אין די הויך אז אלע קינדער זאלן קענען שיין מיט האלטן אין די האלל נעבן זייערע חדרים און האבן זיך צוגעקוקט ווי מען צינדט דאס אן און דערנאך האבן אלע געטאנצן און געזינגען אינאיינעם לכבוד חנוכה. עס איז געווען גאר שיין די הייליגע לעכטיגע חנוכה טעג דא ביי אונזער חדר געוואלדיג! עקסטער יעדן טאג באזונדער! א שאד דער געהויבענער חנוכה איז שוין פארביי.

### התודה והברכה

מיר ווילן זיך שטארק באדאנקען און אפגעבן א גרויסן יישר כח פאר אונזער געטרייער איבערגעגעבענער קעכער ר' **הערשל קלעפנער הי"ו** פארן צושטעלן די געשמאקע טייג צו קענען באקן די חנוכה קיכעלעך אזוי אויך ווילן מיר דא אפגעבן א גרויסן יישר כח און דאנק פאר האברך היקר ר' **אהרן שפילמאן הי"ו** ואתו עמו ר' **אליעזר זאפיר הי"ו** פון "**מנוחה ושמחה זאל**" פארן זיך אפגעבן און צושטעלן די אויוועגעס פונעם זאל צו באקן די חנוכה קוקי'ס זאל דער באשעפער אייך העלפן איר זאלט זעהן רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח מיט השפעות לרוב

ווי עס וואונטשן אלע קינדער פון סאטמאר קינדערגארטן - נוירסערי מיט אלע מלמדים

# חכמה'לעך

**וועו שמעי'ס ליכט האט זיך אויסגעלאשן האט ער זייער געוויינט אז מען זאל דאס צוריק אנצינדן! ווייל זיין רבי האט געזאגט אז עס דארף ברענען פאר אכט טעג...**

**יענקי האט געזאגט אז טאטי'ס ליכט גייט ברענען פאר אכט טעג אזוי ווי די מאמע שרה...**

## בילדער פון די וואך



## מזל טוב וואונטשך

### ברכת מזל טוב פאר הילד
יהודה ב"ר יואל לאקס נ"י
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' שמשון פויגעל שליט"א ר' יעקב מאיר סרוגא שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד
נחמן ב"ר יואל לאזאר נ"י
לכבוד זיין אפשערן
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ברוך הורוויץ שליט"א ר' יואל לעבאוויטש שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים ב"ר יקותיאל דרעזדנער נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' דוד שמואל גאלדבערגער שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד
אהרן ב"ר חיים אברהם גליק נ"י
לכבוד זיין פעטער'ס חתונה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' ירמי' פאגעל שליט"א ר' שמואל ברוך קאהן שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד
יושע ב"ר ישעי' משה בערקאוויטש נ"י
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' בן ציון וויעדער שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד
אביגדור ב"ר ברוך מרדכי דרעזדנער נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ניכטע
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' יצחק אליעזר יאקאב שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד
משה ארי' ב"ר יעקב יוסף שיק נ"י
לכבוד זיין מומע איז געווארן א כלה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' אברהם הכהן ג'בראַ שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד
שמעון ב"ר אברהם הערש בלומענפעלד נ"י
לכבוד זיין ברודערס בר מצוה
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' אברהם הכהן ג'בראַ שליט"א

### ברכת מזל טוב פאר הילד
נחום ב"ר שלמה זלמן ברוין נ"י
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ניכטע
**ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען**
ביי ר' אברהם בערגער שליט"א

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית
פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן מלמד
## הרה"ח ר' ירמי' הלוי לעווי שליט"א
**לכבוד די געבורט פון זיין מיידל בעיבי למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**
דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צחאמען מיט די ב"ב איהר מגדל זיין גרינגערהייט לבעל תורה ולחופה ולמעשים טובים
און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר
**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

## אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו
הנני בזה להזמין את כל ידידי וחבירי היקרים בהזמנה פרטית
לבוא ולהשתתף אצל ה"קידושא רבא"
לרגל הולדת בתי שתחי' למזל טוב ובשעטומ"צ
**בביהמ"ד "קול יודא" פריימאן Corner Divison 284 Keap Street.**
המצפה לראותכם ולקבל פניכם בשמחה ובאהבה רבה
**ירמי' לעווי**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד**